כה סיון תש"ם
דעם 9טן יוני 1980

טײערע און חשובער ה. ב״ם!

װאָס מאכט איר? איך האָף אַז דאָס בריװעלע טרעפט אײך געזונט און שטאַרק און אַז אַלצדינג איז בײ אײך אין דער בעסטער אָרדענונג.

איך בין געװען זײער צופרידן צוריקצוקומען קײן לאָנדאָן נאָך דעם באַזוך אין בעלפאַסט און צו געפינען אײער בריװ, פאַר װעלכן איך װיל אײך האַרציק דאַנקען.

איך װאָלט אײך זײער געדאַנקט װען איר קענט טאַקע לאָזן זיך פאָטאָגראַפירן און מיר צושיקן א קאָפּיע (כ'װעל אײך פאַרשטײט זיך זײן צופרידן אומצוקערן די הוצאות). ס'קוקט אויס אַז ס'װעט בכלל ניט זײן צו שפּעט פאַר מײן אַרטיקל װעלכער איז אַלײן, צום באַדויערן א ביסל פאַרקפּעטיקט. איך רעכן אים צו דרוקן אין קומעדיקן נומער "ידישע שפּראַך" װאָס װעט (לויט דעם רעדאַקטאָרס אײגענער מעלדונג) אַלײן אַרויס מיט א היפּשער פאַרשפּעטיקונג. אין יעדן פאַל האָב איך שוין נאָטיצן צום אַרטיקל איבער אײך און אײער אַרבעט געמאַכט און איך װעל אײך זײער דאַנקען פאַר דער פאָטאָגראַפיע (אויב מעגלעך מיט א חתימה און אויך אַן אָנװײזונג פון דער דאַטע װען די פאָטאָגראַפיע איז געמאַכט געװאָרן).

מכוח די ערשטע אויפלאַגעס פון ירושה און שארית: אויב ס'איז ניט צו באַקומען פאַר א ביליקערן פרײז בין איך צופרידן דאָס צו קויפן פאַר װאָס מען קען װײל ס'איז מיר זײער װיכטיק צו האָבן אַלע אײערע װערק אין אַלע אויפלאַגעס. טאָ אויב מעגלעך לאָזט מיך װיסן װאָס סע קאָסט און איך װעל אײך דעם אָפּצאָל באַלד צושיקן. איך װאָלט געװען זײער צופרידן װען ס'װאָלט מעגלעך געװען די בײדע ביכער אונטערצושרײַבן.

איך אַרבעט דאָ אויף דער דיסערטאַציע, אויף די ידיש-קלאַסן אין אָקספאָרד און נאָך א צאָל זאַכן. דער באַזוך אין בעלפאַסט איז געװען העכסט אינטערעסאַנט. מען האָט דאָרטן אַרײנגעפירט דעם לימוד פון ידיש אין דער גערמאַניסטישער אָפּטײלונג װי א מעגלעכער טײל פונעם אַלגעמײנעם ב.א. דיפּלאָם אין גערמאַניסטיק. פון די 9 סטודענטן װעלכע האָבן דערװײלע שטודירט ידישע שפּראַך און ליטעראַטור אין בעלפאַסט אויפן דיפּלאָם, איז קײן אײנער ניט קײן ייד!

דעם 24סטן יוני פאָר איך אין ניו-יאָרק (אין דער „אַלטער הײם") אויף צו זײן א לערער אינעם מיטלדיקן און אינעם װײטהאַלטער קורס פון ידיש אין דער זומער-פּראָגראַם פון קאָלאָמביע אוניװערסיטעט. מײן אַדרעס דאָרטן:

איך קום צוריק אין לאָנדאָן אי"ה דעם 10טן אויגוסט. לאָזט מיך װיסן אויב איך קען פאַר אײך עפּעס קריגן אין ניו-יאָרק (אָדער לאָנדאָן).

מיט דאַנק און דרך ארץ
בל״ב איך אײער תלמיד און פאַרערער